בעזרת השם יתברך

שבת פרשת פינחס
י"ט תמוז שנת תש"פ
לפ"ק

שנה 1, גליון 6

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת

גליון

## פאר'ן שבת טיש

אַרויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב



שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת קֹרַח תש"פ לִפְרָט קָטָן אִינְדֶערְפְרִי הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען אִין סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה י"ב, מַעֲשֶׂה מִבַּעַל תְּפִלָּה, וִוי מֶען הָאט גֶעהַאלְטְן אִין שְׁטֶעטְל.

דֶערְצֵיילְט דָארְט דֶער רֶבִּי:

דֶערְנָאךְ הָאבִּין זֵיי זִיךְ גִימַאכְט סִימָנִים צְווִישְׁן זִיךְ דֶער מְמוּנֶה מִיט דֶעם גִבּוֹר. אוּן דֶער מְמוּנֶה אִיז זִיךְ אַוֶועק גִינַאנְגֶען פוּן דֶעם גִבּוֹר אוּן עֶר הָאט זִיךְ אוּמְגִיקֶערְט אִין דֶער מְדִינָה אַרַיין. (אוּן דֶער מְמוּנָה פְלֶעגְט זֵיי בְּוַודַאי אוֹיךְ זֵייעֶר שְׁטְרָאפִין אוֹיף זֵייעֶר שְׁלֶעכְטִין וֶועג וָואס זֵיי זֶענֶען אַרַיין גִיפַאלִין אִין דֶעם גֶעלְט. נָאר עֶר הָאט זֵיי נִיט גִיקָאנְט אַרוֹיס פִירִין דֶערְפוּן. וָוארִין זֵיי זֶענֶען שׁוֹין דְרִינֶען זֵייעֶר אַיינְגִיוָוארְצִילְט גִיוֶוען. נָאר פוּן דֶעסְט וֶועגִין פָּארְט מַחְמַת דֶער בַּעַל תְּפִלָּה אוּן דֶער מְמוּנָה הָאבִין שׁוֹין מִיט זֵיי פִיל גִישְׁמוּסְט זֶענֶען זֵיי שׁוֹין אַבִּיסִיל מְבוּלְבָּל גִיוָוארִין. אוּן זֵיי פְלֶעגִין זָאגִין. אַדְרַבָּא. נֶעמְט אוּנְז אַרוֹיס דֶערְפוּן. חָאטְשֶׁע זֵיי הָאבִין זִיךְ נָאךְ גִיהַלְטִין שְׁטַארְק אִין זֵייעֶר נַארִישֶׁער דֵעָה. אוּן הָאבִין גָאר נִיט גִיוָואלְט אַרוֹיס פוּן זֵייעֶר נַארִישְׁקֵייט. נָאר זֵיי פְלֶעגִין שׁוֹין פָּארְט זָאגִין אַז מֶע הָאט זֵיי גִישְׁטְרָאפְט. אַדְרַבָּא. אַז סֶע אִיז יוֹא אַזוֹי. אַז מִיר זֶענֶען אִין טָעוּת. נָא נֶעמְט אוּנְז אַרוֹיס פוּן אוּנְזֶערֶע נַארִישְׁקֵייט).

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אָנְגֶעהוֹיבְּן: מִיר הָאבְּן שׁוֹין גֶערֶעדְט פָאריגֶע וָואךְ פוּן דֶעם עִנְיָן, אוּן מִיר וֶועלְן נָאכְאַמָאל רֶעדְן פוּן דֶעם דִי וָואךְ, אוּן דָאס קֶען מֶען פָארְלֶערְנֶען נָאךְ צֶען מָאל... דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אוּנְז דָא אַ וִוִיכְטִיגֶע כְּלָל: "אַז מֶען רֶעדְט - פּוֹעֶלְ'ט מֶען".

דָאס אִיז נוֹגֵעַ סֵיי לְגַבֵּי אַ מַאן - אַז עֶר קֶען פּוֹעֶלְ'ן בַּיי זַיין ווַייבּ, אוּן סֵיי לְגַבֵּי אַ פְרוֹי - אַז זִי קֶען פּוֹעֶלְ'ן בַּיי אִיר מַאן, אוּן סֵיי לְגַבֵּי עֶלְטֶערְן - אַז זֵיי קֶענֶען פּוֹעֶלְ'ן בַּיי קִינְדֶער, אוּן סֵיי בַּיי זִיךְ אַלֵיין - אַז מֶען קֶען פּוֹעֶלְ'ן בַּיי זִיךְ; אַז מֶען רֶעדְט אוּן מֶען רֶעדְט, אֵיינְמָאל, נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל וֶועט מֶען צוּם סוֹף פּוֹעֶלְ'ן, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט דָא אִין דִי מַעֲשֶׂה אַז כָאטְשׁ דִי מֶענְטְשְׁן פוּן דִי מְדִינָה זֶענֶען נָאךְ אַלְץ גֶעוֶוען אַיינְגֶעטִינְקֶען זֵייעֶר גַאנְצֶע קָאפּ אוּן מֹחַ אִין גֶעלְט, דָאךְ ווִיבַּאלְד דֶער בַּעַל תְּפִלָּה אָון דֶער מְמוּנָה הָאבְּן שׁוֹין מִיט זֵיי אַסַאךְ גְעשְׁמוּעסְט הָאבְּן זֵיי שׁוֹין מַסְכִּים גֶעוֶוען צוּ פְּרוּבִּירְן אַרוֹיס צוּ קְרִיכְן פוּן זֵייעֶר נַארִישְׁקֵייט, אוּן הָאבְּן גֶעבֶּעטְן פוּנֶעם בַּעַל תְּפִלָּה: "נֶעמְט אוּנְז אַרוֹיס פוּן אוּנְזֶערֶע נַארִישְׁקֵייט".

זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וַוייטֶער: עֶלְטֶערְן כַאפְּן נִישְׁט וָואס פַאר אַ הַשְׁפָּעָה זֵיי הָאבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער, קִינְדֶער מַאכְן נָאךְ דִי עֶלְטֶערְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, דִי קִינְדֶער כַאפְּן אֲפִילוּ נִישְׁט וָואס זֵיי טוּעֶן... אִיךְ וֶועל גֶעבְּן עֶטְלִיכֶע דֻגְמָאוֹת וָואס מֶען זֶעט דֶערְפוּן וִוי אַ גְרוֹיסֶע הַשְׁפָּעָה

<<<

## אַ מַעֲשֶׂה פַאר'ן שַׁבָּת טִישׁ

דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב זי"ע, וֶוען עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אוֹיף דֶער עֶלְטֶער הָאט עֶר זִיךְ אַמָאל זֵייעֶר נִישְׁט גוּט גֶעשְׁפִּירְט, אוּן מֶען הָאט גֶערוּפְן דֶעם דָאקְטֶער, דֶער דָאקְטֶער הָאט אוּנְטֶערְגֶעזוּכְט דֶעם הֵיילִיגְן צַאנְזֶער רָב זי"ע אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען זִיךְ צוּ שׁוּשְׁקֶען מִיט זַיינֶע קִינְדֶער. וֶוען דֶער צַאנְזֶער רָב הָאט גֶעזֶען וִוי עֶר רֶעדְט שְׁטִילֶערְהֵייט הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט וָואס הָאט עֶר גֶעזָאגְט? אָבֶער זֵיי הָאבְּן אִים נִישְׁט גֶעוָואלְט וֵויי טוּן אוּן זָאגְן וָואס דֶער דָאקְטֶער זָאגְט - אַז דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק הָאט שׁוֹין נִישְׁט קַיין רְפוּאָה, אָבֶער דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב הָאט זִיךְ גֶע'עֲקְשָׁנְ'ט אוּן גֶעהֵייסְן זַיין זוּן רֶבִּי בָּרוּךְ מִגָארְלִיץ זָאל אִים זָאגְן בְּתוֹרַת כִּיבּוּד אָב וָואס דֶער דָאקְטֶער זָאגְט, הָאט עֶר נִישְׁט גֶעהַאט קַיין בְּרֵירָה אוּן עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז דֶער דָאקְטֶער זָאגְט אַז עֶס אִיז שׁוֹין נִישְׁט דָא קַיין הָאפֶענוּנְג צוּ לֶעבְּן. וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב הָאט דָאס גֶעהֶערְט, הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר צוּפְלַאמְט אוּן גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ אַזוֹי, דַארְף מֶען זִיךְ גֵיין גְרֵייטְן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין אוֹיף קִידוּשׁ הַשֵּׁם", אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַז מֶען לֶעבְּט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען מַאכְט יֶעדְן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת - מֶען דֶערְצֵיילְט אַלֶעס פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, לֶעבְּט מֶען אַן אַנְדֶערֶע לֶעבְּן; אַ לֶעבֶּעדִיגֶע לֶעבְּן, אוּן אַז מֶען לֶעבְּט אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אִיז דֶער לֶעבְּן אַ טוֹיטֶע לֶעבְּן. עֶס גֵייט נִישְׁט אִין אַ קוּרְצֶע צַייט, אָבֶער אַז מֶען אִיז אַן עַקְשָׁן, אוּן מֶען וֵוייסְט אַז דָאס אִיז וָואס אִיךְ דַארְף טוּן, אוּן יֶעדְן טָאג נֶעמְט מֶען אַפָּאר מִינוּט אוּן מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן - הָאט מֶען אַ חַיִּים טוֹבִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת אֱמֹר תשע"ז)

עלטערן האבן אויף קינדער: רוב מענטשן לייגן נאך היינט אריין אין דיינונג רום א 'שבת זייגער', וואס צינדט און לעשט די לעקטער - דערציילט דער ראש ישיבה שליט"א - איך האב געהערט פון אן עלעקטערישאן, אז ער האט געזאגט, ווען א מענטש קומט צו מיר בעטן אז איך זאל אריין לייגן אין זיין דיינונג רום א שבת זייגער, זאג איך אים: "הער מיר אויס, אמאליגע צייטן איז געווען אינקאנדעסנט באלבס, וואס דאס האט געצויגן אסאך עלעקטער, דעריבער פלעגט מען אריינלייגן א שבת זייגער זיך צו שפארן די עלעקטעריק, אבער היינט מיט די נייע LED באלבס, אפילו אז דו זאלסט לאזן ברענען דיין לעקטער א גאנצן שבת במשך דיין גאנצן לעבן, וועט דיר די עלעקטריק נישט קאסטן אזויפיל געלט וויפיל דו וועסט באצאלן פאר דעם שבת זייגער"; נאר פארוואס לייגט מען נאך היינט א 'שבת זייגער'? דאס איז ווייל א קינד מאכט נאך זיין טאטען, זיין טאטע האט א שבת זייגער - לייגט ער אויך א שבת זייגער.

דער ראש ישיבה שליט"א האט צוגעלייגט א ווערטל, אז א אינגערמאן האט אים דערציילט אז פאר אים איז יא וויכטיג דעם שבת זייגער, ווייל ער רופט געסט צו עסן ביי אים די שבת'דיגע סעודות, און זיי ווייסן נישט ווען אהיים צוגיין, אבער אז ער האט א שבת זייגער, און די לעקטער לעשט זיך אויס, ווייסן זיי שוין אז מען דארף אהיים גיין...

די זעלבע איז מיט די מענטשן וואס האבן נאך דעם מנהג פון ארום גיין יעדן ערב שבת אין אלע שטובער אויסצולעשן די לעקטערס אדער ארויסדרייען באלבס וכדומה, וואס אין אמת'ן פעלט דאס שוין נישט אויס היינטיגע טעג, ווייל אפילו אז די לעקטער ארבעט א גאנצע וואך אין א צו ניצט עס קוים עלעקטעריק, דאך האלט מען אן דעם מנהג ווייל "אזוי האב איך געזען ביי מיין טאטען אלע יארן..."

דער ראש ישיבה שליט"א געבט נאך א דוגמא: א פרוי קומט מיר זאגן אז זי איז זייער פארשעמט, זי גייט אין גראסערי זי קויפט איין פרישע מילך, און יעדעס מאל וואס איר מאן עפענט אויף דעם באטל לייגט ער צו זיין נאז און שמעקט צי דאס איז פריש, איך ווער זייער פארשעמט "איך האב דאך עס יעצט געקויפט, עס איז זיכער פריש, פארוואס שמעקסטו עס?!" אבער דער אינגערמאן ווייסט אליין נישט פארוואס ער שמעקט עס, ער דארף נישט דעם שמעק, ער לייגט צו זיין נאז צו די מילך ווייל אזוי האט זיין טאטע געטון...; האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: "אזוי גייט עס, עלטערן האבן א מורא'דיגע השפעה אויף זייערע קינדער; קינדער מאכן מיט אלעס נאך די עלטערן".

בפרט א קינד וואס זעט זיין טאטע לערנען אביסל אינדערהיים, ער זעט זיין טאטע רעדט צום אייבערשטן, צום סוף וועט דאס אריין גיין אין אים; אפילו פון אנהייב זעט מען נישט ווי עפעס רוקט זיך, דארף מען וויסן אז מען קען נישט פועל'ן תיכף ומיד; א קינד וואס זעט זיין טאטען גיין אין שול דאווענען שחרית, מנחה און מעריב וועט ער אויך גיין אין שול דאווענען; א אינגערמאן וואס רעדט שיין אין שטוב וועלן זיינע קינדער אויך רעדן שיין, און אויב מען קריגט זיך אין שטוב - אפילו מען פרובירט דאס אויסצובאהאלטן פון די קינדער אז זיי זאלן נישט מיטהאלטן אז מען קריגט זיך - שפירן דאס די קינדער; א שטוב וואס עס איז דא שלום בית דארף מען נישט אויסלערנען דעם קינד אז ער זאל האבן שלום בית, ווייל אזוי איז ער אויפגעוואקסן דאס האט ער צוגעזען, איז ער שוין מחונך אויף דעם.

און דער ראש ישיבה שליט"א האט זיך אויסגעדריקט: "חינוך איז נישט אז מען זאגט אן די קינדער ווי אזוי זיך צו פירן, דער עיקר חינוך איז דאס וואס די קינדער זעען צו ביי זייערע עלטערן".

דערנאך האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט, אז די זעלבע איז פארקערט, אז עלטערן פירן זיך נישט אויף ווי מען דארף, לאזט דאס איבער א שווערער רושם אויף די קינדער, א בחור האט מיר דערציילט א שרעקליכע מעשה (דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט, אז דער בחור האט שוין לאנג חתונה געהאט, אבער איך קען נישט פארגעסן פון די מעשה, עס איז זייער א שרעקעדיגע מעשה), אז ער איז געזיצן אין קאר מיט זיינע עלטערן, און זיינע עלטערן האבן געשמועסט, אינמיטן רופט זיך אן דער טאטע צו די מאמע: "נאך איין ווארט דו רעדסט, דריק איך אראפ דעם גאז פעדל, איך הייב אן פליען, און איך שמייס אריין אין א וואנט, און איך הרג'ע ביידע צוזאמען!"; זאגט דער ראש ישיבה שליט"א אז קינדער זיצן פון אונטן, און הערן צו וואס דער טאטע זאגט צו די מאמע, זיי ווערן זייער צעמישט.

זאגט דער ראש ישיבה שליט"א ווייטער: איך קען דערציילן אסאך מעשיות פון בחורים און אינגעלייט, וואס זענען געווארן ערליכע אידן נאר דורך רעדן און רעדן און רעדן, דורכ'ן גיין אויף דעם וועג פון רבי'ן; זיי זענען נעבעך געווען זייער ווייט פון אידישקייט, פארשטייט זיך אז מען האט גארנישט געקענט אנזען פון אינדרויסן אבער אינעווייניג זענען זיי געווען אינגאנצן אויסגעלאשן, האב איך געגעבן איין דרשה און נאך א דרשה וכו', בשעת'ן רעדן האב איך געשפירט ווי איך טאפ א וואנט, אבער צום סוף האב איך ברוך השם גע'פועל'ט.

דאס לערנט מען זיך פון די מעשה, אז אפילו א מענטש איז איינגעווארצלט און צוגעבינדן אין זיינע שלעכטע מידות, אבער אויב רעדט מען שיין צו אים, איינמאל און נאכאמאל, מען האט סבלנות - מען ווארט אויס, פלוצלינג וועט ער בעטן: "אז מיר זענען אין טעות. נא נעמט אונז ארויס פון אונזערע נארישקייט".

זאגט דער ראש ישיבה שליט"א אז די זעלבע איז מיט'ן לערנען; א קליין קינד פון דריי - פיר יאר, ווען ער הערט פון זיין קינדערגארטן מלמד פרשת נח, אז נח האט געמאכט א תיבה וכו', סוף וואך קענען נישט די קינדער די סדרה, זיי ווייסן נישט וואס א תיבה מיינט, קומענדיגע יאר גייט דער קינד אין כתה א' און הערט ווייטער פון זיין מלמד אז נח האט געמאכט א תיבה, דער מלמד רעכנט אויס די הייעך, ברייט און לענג פון די תיבה, דער קינד פארשטייט נאך אלץ נישט

פוּנְקְטְלִיךְ פוּן וָואס מֶען רֶעדְט, אָבֶּער עֶפֶּעס וֵוייסְט עֶר שׁוֹין, אַזוֹי גֵייט דוּרְךְ נָאךְ אַ יָאר אוּן נָאךְ אַ יָאר בִּיז דֶער קִינְד הֵייבְּט שׁוֹין אָן צוּ כַאפְּן אַז 'תֵּיבָה' מֵיינְט אַ קַאסְטְן... עֶר וֶוערְט שׁוֹין נָאךְ עֶלְטֶער אוּן זַיין פַארְשְׁטַאנְד וֶוערְט בְּרֵייטֶער פַאלְט אִים שׁוֹין אַיין אַ שֵׁיינֶע קַשְׁיָא, אַ שֵׁיינֶע תֵּירוּץ וְכוּ', בִּיז וֶוען עֶר קוּמְט אָן אִין כִּתָּה ט' דֶעמָאלְט פַארְשְׁטֵייט עֶר שׁוֹין גוּט פַּרְשַׁת נֹחַ.

זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַז עֶס אִיז אַ רַחְמָנוּת אוֹיף דֶער כִּתָּה א' מְלַמֵּד וָואס זִיצְט אִין קְלַאס צֶעבְּרָאכֶענֶערְהֵייט אוּן טְרַאכְט: "וָואס טוּ אִיךְ שׁוֹין אוֹיף דָא מִיט מַיין רֶעדְן, עֶס גֵייט דָאךְ מִמֵּילָא גָארְנִישְׁט אַרַיין אִין זֵיי", אָבֶּער דָאס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג, וַוייל נָאר צוּלִיבּ דֶעם וָואס דֶער קִינְד הָאט גֶעהֶערְט יֶעדֶעס יָאר פוּן זַיינֶע מְלַמְּדִים דִי פַּרְשָׁה - קֶען עֶר עֶס, עֶס גֵייט טַאקֶע נִישְׁט אִין אֵיין מִינוּט; דֶערְפַאר דַארְף אַ מְלַמֵּד הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת אוּן וִויסְן אַז דוּרְכְ'ן רֶעדְן אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל קְלֶעבְּט זִיךְ אָן אִינֶעם קִינְד.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אַרָאפְּגֶעלֵייגְט וִוי אַזוֹי עֶס זֶעט אוֹיס בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ וֶוען מֶען פְרֶעגְט דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער דִי שְׁאֵלוֹת פוּן דִי וָואךְ: "וֶועלְכֶע סֶדְרָה גֵייט דִי וָואךְ? פַּרְשַׁת ק... קוֹ... קוֹרַ..." עֶנְטְפֶערְט דָאס קִינְד: "קוֹרַח", זָאגְט אִיךְ אִים: "זֵייעֶר פֵיין!" "אוֹיף וֶועמֶען הָאט קוֹרַח גֶעקְרִיגְט? אוֹיף מֹשֶׁה ר..." עֶנְטְפֶערְט דָאס קִינְד: "אוֹיף מֹשֶׁה רַבֵּינוּ", זָאג אִיךְ אִים: "זֵייעֶר גוּט".

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט אַז פוּן דֶעם שׁוּרָה פוּן רֶבִּי'ן: "אַדְרַבָּא, נֶעמְט אוּנְז אַרוֹיס דֶערְפוּן" - קֶען מֶען אַרוֹיס נֶעמֶען מוֹרָא'דִיגֶע חִיזּוּק, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פְרֶעגְט פוּן וֶועלְכֶע סָארְט מֶענְטְשְׁן רֶעדְט מֶען דָא? פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס זֵייעֶר גַאנְצֶע אֱמוּנָה אִיז נָאר גֶעלְט, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט רֶעדְן מִיט זֵיי נָאר פוּן גֶעלְט, זֵיי הָאבְּן מִיט קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעשְׁמוּעֶסְט נָאר אוֹיבּ מֶען הָאט גֶערֶעדְט פוּן גֶעלְט, אָבֶּער נָאכְ'ן הֶערְן אַזוֹי פִיל מָאל אֱמֶתְ'עֶ דִיבּוּרִים פוּן דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה הָאבְּן זֵיי שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן זִיךְ צוּ בֶּעטְן: "דוּ רֶעדְסְט דָאךְ אַזוֹי שֵׁיין מַמָּשׁ אֱמֶתְ'עֶ וֶוערְטֶער, נָא נֶעם מִיר אַרוֹיס פוּן מַיין עֶדִיקְשָׁאן", זֶעט מֶען פוּן דֶעם וִוי שְׁטַארְק מֶען קֶען פּוֹעֵלְ'ן מִיטְ'ן רֶעדְן.

עֶס אִיז יָדוּעַ אַז דֶער רֶבִּי הָאט כְּסֵדֶר גֶעהֵייסְן אוּן גֶעמָאנְט מֶען זָאל רֶעדְן מִיט מֶענְטְשְׁן אוּן זֵיי מְקָרֵב זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פַארְצֵיילְט רֶבִּי נָתָן (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שעז): אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן רֶבִּינְ'ס בְּרוּדֶער רֶבִּי יְחִיאֵל זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אַז עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס מֶען קֶען טוּן אַז וֶוען מֶען רֶעדְט מִיט מֶענְטְשְׁן קוּמְט אַסַאךְ מָאל אוֹיס צוּ רֶעדְן נַארִישְׁקֵייט, וַוייל מֶען קֶען דָאךְ נִישְׁט צוּ גֵיין צוּ אַ מֶענְטְשׁ אוּן גְלַייךְ רֶעדְן צוּ אִים פוּן אֱלֹקוּת, נָאר מֶען דַארְף שְׁמוּעֶסְן סְתָּם זַאכְן פַארְדֶעם אוּן נָאכְדֶעם וְכוּ' אוּן אִינְצְוִוישְׁן קֶען מֶען רֶעדְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "וִויבַּאלְד נָאכְדֶעם בְּרֶענְגְט מֶען אַרַיין אִין יֶענֶעם אֱמֶתְ'עֶ דִיבּוּרִים, אִיז אַלֶעס כְּדַאי"; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דוּרְכְ'ן רֶעדְן מִיט אַ מֶענְטְשׁ גָאר אַסַאךְ מָאל בְּרֶענְגְט מֶען צוּם סוֹף אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעגֶעבְּן אַ מָשָׁל וָואס הֵייסְט אַן עֶדִיקְשָׁאן: אַ אִינְגֶערְמַאן, וִוי נָאר עֶר הָאט בַּאקוּמֶען זַיין גֶעהַאלְט וָואס עֶר הָאט פַארְדִינְט, לוֹיפְט עֶר גְלַייךְ צוּ אַ קַאסִינָא, כָאטְשׁ עֶר וֵוייסְט אַז עֶר וֶועט דָארְט פַארְשְׁוֶוענְדְן זַיין גַאנְצֶע גֶעלְט, דָאךְ גֵייט עֶר יֶעדֶע וָואךְ וַוייטֶער אַהִין אוּן טְרַאכְט: 'יֶעצְט גֵיי אִיךְ פַארְדִינֶען', 'דָאס מָאל וֶועל אִיךְ שׁוֹין טַאקֶע רַייךְ וֶוערְן'. [בְּדֶרֶךְ אַגַּב הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעפְרֶעגְט צִי דֶער קַאסִינָא אִין מַאנְטִיסֶעלָאו אִיז נָאךְ אָפְן, הָאט מֶען גֶעעֶנְטְפֶערְט פַארְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַז עֶס שְׁטֵייט יֶעצְט לֵיידִיג אוּן פּוּסְט, הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעפְרֶעגְט צִי אַ הֵיימִישֶׁע מוֹסָד הָאט שׁוֹין אָפְּגֶעקוֹיפְט דֶעם בִּנְיָן פַאר אַ יְשִׁיבָה וְכַדוֹמֶה... וִוי מֶען הָאט גֶעשְׁמוּעֶסְט אִין אָנְהֵייבּ אַז זֵיי בּוֹיעֶן אוֹיף אַ פְּרַאכְטְפוּלֶע בִּנְיָן כְּדֵי אַז אֵיין טָאג וֶועט דָאס אַ יְשִׁיבָה אָפְּקוֹיפְן...]; דֶער מֶענְטְשׁ אַלֵיין וִויל שׁוֹין נִישְׁט אַהִין גֵיין, עֶר זָאגְט: "אִיךְ וִויל נִישְׁט גֶעמְבְּלֶען, אָבֶּער וָואס זָאל אִיךְ טוּן, עֶס צִיעט מִיר אַהִין צוּ גֵיין", בַּיי דֶעם אִיז אוֹיךְ דָא דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן, אַז מֶען גֶעבְּט נִישְׁט אוֹיף, מֶען רֶעדְט צוּ אִים אַסַאךְ, וֶועט מֶען צוּם סוֹף אִים אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן זַיינֶע עֶדִיקְשֶׁענְס.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט חִינוּךְ הַבָּנִים; זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א: "אִיךְ וֶוער מוֹרָא'דִיג נִתְפָּעֵל פוּן דִי אִינְגֶעלַייט פוּן שְׁטֶעטְל, וֶוען אִיךְ זֶע צוּ וִוי אַלֶע טַאטֶעס זִיצְן שַׁבָּת בַּיים דַאוֶוענֶען מִיט דִי קִינְדֶער נֶעבְּן זִיךְ, אוּן יֶעדֶעס קִינְד זָאגְט מִיט דָאס דַאוֶוענֶען לוֹיט זַיין דַרְגָה, אַ קְלֵיין קִינְד זָאגְט מִיט 'וְשָׁמְרוּ', אוּן דֶער עֶלְטֶערֶער קִינְד זָאגְט שׁוֹין מִיט 'לְכָה דוֹדִי', מֶען גֶעוואוֹינְט צוּ דִי קִינְדֶער צוּ דַאוֶוענֶען".

רֶעדֶענְדִיג פוּן דִי חִינוּךְ פוּן דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶ חֵדֶר, הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א דֶערְצֵיילְט: "אַ פְרוֹי פוּן שְׁטֶעטְל אִיז זִיךְ גֶעקוּמֶען בַּאדַאנְקֶען פַאר מִיר אוֹיף דִי הֶערְלִיכֶע חִינוּךְ וָואס מֶען לֵייגְט דָא אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער, דִי פְרוֹי דֶערְצֵיילְט אַז זִי שְׁטֵייט בַּיים פֶענְסְטֶער אוּן זֶעט צוּ וִוי אִיר זֶעקְס יֶערִיגֶער קִינְד שְׁפַּאצִירְט זִיךְ אַרוּם אוֹיף דִי גְרָאז מִיט מוֹרָא'דִיגֶער תְּמִימוּת, אוּן רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דִי הֶענְט אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט צוּם הִימְל - דָאס מֵיינְט אַ גוּטֶע חִינוּךְ, דָאס וַוייזְט וִוי דֶער חִינוּךְ הָאט שְׁטַארְקֶע וָוארְצְלֶען".

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַסְבִּיר גֶעוֶוען אַז דָאס וָואס דֶער קִינְד הָאט דֶעמָאלְט גֶעבֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז נִישְׁט מְשַׁנֶּה - נִישְׁט קַיין חִילוּק צִי דֶער קִינְד הָאט גֶעבֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ רִימָאט קָאנְטְרָאל, אָדֶער אַן הֶעלִיקַאפְּטֶער, אָדֶער אַ וָואלְקִי טָאקִי, אָדֶער אַז עֶר זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין פְּחָדִים, אָדֶער גָאר אַז עֶר זָאל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד - דָאס אִיז נִישְׁט קַיין חִילוּק, וַוייל דָאס אַלֵיין אַז אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דָאס אִיז דִי יְשׁוּעָה.

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א דֶערְצֵיילְט, אַז עֶר פְלֶעגְט אִיבֶּער גֶעבְּן פַאר מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה יֶעדֶע וָואךְ פִינְף הוּנְדֶערְט דָאלֶער צוּ דְרוּקְן נָאךְ אַ בַּאנְד 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל', וַוייל מוֹהֲרָא"שׁ הָאט צוּגֶעזָאגְט: "וֶוער עֶס גֶעבְּט גֶעלְט צוּ דְרוּקְן 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל' וֶועט זֶען אַ יְשׁוּעָה"; הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַמָאל גֶעפְרֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ: "אִיךְ גֶעבּ דָאךְ יֶעדֶע וָואךְ

גֶעלְט פַאר 'אֲשֶׁר בַּנַחַל' וֶוען וֶועל אִיךְ הָאבְּן אַ יְשׁוּעָה?" הָאט מוֹהֲרַא"שׁ גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דָאס אַלֵיין אַז דוּ בִּיסְט נָאךְ בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דוּ קוּמְסְט נָאךְ יֶעדֶע וָואךְ צוּם שִׁיעוּר לֵיל שִׁישִּׁי, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע יְשׁוּעָה!"

זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וַוייטֶער: "צוּמָאל קוּמֶען צוּ מִיר מֶענְטְשְׁן אוּן פְרֶעגְן פַארְוָואס זֵיי בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זֵיי וֶוערְן נִישְׁט גֶעהָאלְפְן פוּן זֵייעֶר צָרָה, זָאג אִיךְ זֵיי: 'דָאס אַלֵיין אַז דוּ בֶּעטְסְט נָאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע יְשׁוּעָה!'".

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט דֶערְצֵיילְט נָאךְ עֶטְלִיכֶע מַעֲשִׂיּוֹת וָואס מֶען זֶעט דֶערְפוּן דִי שְׁטַארְקֶע כּוֹחוֹת וָואס דִי מְלַמְּדִים אוּן דִי לֶערֶערִינְס לֵייגְן אַרַיין אִין דִי חִינוּךְ; אַ אִינְגֶערְמַאן אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א נָאךְ אַ שִׁיעוּר אוּן אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַאר'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַ 'נַחַת צֶעטְל' וָואס זַיין וַוייבּ הָאט גֶעטְרָאפְן אִין שְׁטוּבּ וָואס אִיר נַיין יֶערִיגֶער אִינְגֶעל הָאט גֶעשְׁרִיבְּן, עֶס לֵיינְט זִיךְ אַזוֹי: "יֶעצְט אִיז פִינְף אַזֵייגֶער, אִיךְ בִּין שׁוֹין אוֹיסְגֶערוּהט, אִיךְ גֵיי אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ אַפָּאר מִינוּט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מַאמִי, אוֹיבּ דוּ זֶעסְט עֶס גֵייט אַדוּרְךְ מֶער פוּן פִינְף מִינוּט אוּן אִיךְ בִּין נָאכְנִישְׁט צוּרִיק זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן"...

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט מִיט הִתְפַּעֲלוּת: "אַזַא הַשָּׂגָה! אַ יוּנְג קִינְד פוּן נַיין יָאר זָאל הָאבְּן אַזַא הַשָּׂגָה פוּן גֵיין פַארְטָאגְס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן! דָאס דַארְף אוּנְז אוֹיף וֶועקְן אַז מִיר זָאלְן אוֹיךְ אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; זָאג פַאר'ן בַּאשֶׁעפֶער: 'רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! אִיךְ וִויל אוֹיךְ רֶעדְן צוּ דִיר!'"

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט צוּגֶעלֵייגְט, אַז מֶען דַארְף נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן וֶוען אַ קִינְד גֵייט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִינְמִיטְן דִי נַאכְט, וִוי דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ וָואלְט אִיךְ גֶעהַאט אַ בֵּן יָחִיד, וָואלְט אִיךְ נִישְׁט מוֹרָא גֶעהַאט אִים צוּ שִׁיקְן בַּיינַאכְט, אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטָאט, רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן".

נָאךְ אַ מַעֲשֶׂה וָואס אִיז גֶעוֶוען זוּמֶער שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן אִין מֵיידְל קֶעמְפּ; אֵיינֶע פוּן דִי מֵיידְלֶעךְ פוּן "בֵּית פֵּיגָא" אִיז גֶעוֶוען צוּפְרִי אִין פֶעלְד אִינְדְרוֹיסְן פוּן קֶעמְפּ, זִי הָאט גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת, פְּלוּצְלִינְג בַּאמֶערְקְט זִי אַ שְׁוַוארְצֶע זַאךְ וָואס שָׁאקְלְט זִיךְ, קוֹדֶם הָאט זִי גֶעמֵיינְט אַז דָאס אִיז סְתָּם אַ שְׁוַוארְצֶע בֶּעג וָואס שָׁאקְלְט זִיךְ פוּן דִי וִוינְט. פְּלוּצְלִינְג זֶעט זִי אַ גְרוֹיסֶע בֶּער, דֶער בֶּער הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף דִי צְוֵויי פִּיס אוּן גֶעשְׁטַאנֶען אַנְטְקֶעגְן אִיר פָּנִים אֶל פָּנִים, צְוֵויי פִּיס אַוֶועק פוּן אִיר, דִי מֵיידְל הָאט זִיךְ נִישְׁט פַארְלוֹירְן, זִי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער רַאטֶעוֶוע מִיךְ פוּן דֶעם בֶּער, הֶעלְף מִיר עֶר זָאל מִיר גָארְנִישְׁט טוּן", זִי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן גֵיין צוּרִיק וֶועגְס בִּיז זִי אִיז אַרַיין אִין אִיר שְׁטוּבּ.

אַזַא מַעֲשֶׂה פַּאסְט פַאר דִי מַעֲשֶׂה בִּיכְלֶעךְ; אַ יוּנְג מֵיידְל פוּן צְוֶועלְף יָאר זָאל נִישְׁט וֶוערְן פַארְלוֹירְן וֶוען זִי שְׁטֵייט צְוֵויי פִּיס נֶעבְּן אַ גְרוֹיסֶע בֶּער... סְתָּם אַ קִינְד וָואלְט אַוֶועק גֶע'חַלֶשְׁ'ט אוֹיפְן פְּלַאץ, נִישְׁט נָאר אַ קִינְד נָאר אֲפִילוּ אַ דֶערְוַואקְסֶענֶער מֶענְטְשׁ וָואלְט אוֹיךְ צֶעטוּמְלְט גֶעוָוארְן פוּן שְׁרֶעק, אָבֶּער זִי אִיז גֶעוֶוען רוּאִיג אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אִיר הֶעלְפְן.

פוּן דֶעם זֶעט מֶען וָואספַארַא חִינוּךְ מִיר גֶעבְּן פַאר דִי קִינְדֶער, מֶען לֶערְנְט זֵיי אוֹיס זֵיי זָאלְן לֶעבְּן מִיט הִתְבּוֹדְדוּת; וֶוען מֶען לֶעבְּט מִיט תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת בַּאקוּמְט מֶען יִשּׁוּב הַדַּעַת אוּן מֶען וֶוערְט נִישְׁט פַארְלוֹירְן וֶוען מֶען טְרֶעפְט זִיךְ אִין אַ צָרָה.

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פְרֶעגְט אֵיינֶער פוּן דִי אִינְגֶעלַייט: "וָואס וָואלְסְטוּ גֶעטוּן אוֹיבּ דוּ גֵייסְט אִין וַואלְד אוּן אַ גְרוֹיסֶער בֶּער שְׁטֶעלְט זִיךְ אַנְטְקֶעגְן דִיר?!"; אָבֶּער דִי קִינְדֶער וָואס וַואקְסְן אוֹיף מִיט אַ גוּטֶע חִינוּךְ קֶענֶען דָאס בַּאוַוייזְן, זֵיי וֶוערְן נִישְׁט פַארְלוֹירְן.

דֶערְנָאךְ הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט אַמָאל בַּאקוּמֶען אַ קָאמְפְּלִימֶענְט פוּן זַיין זוּן נֵרוֹ יָאִיר, וָואס הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרִיקְט "מֶען קֶען אָנְזֶען אַז אוּנְזֶער שְׁטוּבּ אִיז אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶ שְׁטוּבּ..."; אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט דֶערְצֵיילְט וָואס אִיז גֶעוֶוען דִי מַעֲשֶׂה, אֵיין יָאר עֶרֶב שַׁבָּת הַגָּדוֹל וֶוען מֶען הָאט שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט אַלֶעס מְסַדֵּר זַיין וָואס עֶס פֶעלְט זִיךְ אוֹיס, דִי עֶסְן אִיז שׁוֹין אָנְגֶעגְרֵייט אוֹיפְ'ן בַּאשְׁטִימְטְן פְּלַאץ וואוּ מֶען עֶסְט שַׁבָּת הַגָּדוֹל וְכוּ', אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעגַאנְגֶען אִין פַּארְק מִיט דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, (דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט צוּגֶעלֵייגְט: "אִיךְ בִּין אַ מְסוּדָר'דִיגֶער מֶענְטְשׁ, דִי פִישׁ קָאכְט מֶען שׁוֹין מִיטְוָואךְ, דִי זוּפּ דָאנֶערְשְׁטָאג אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אַלֶעס מַאכְט מֶען פְרִי אוּן צַייטְלִיךְ אַז מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן אוֹיפְרֶעגְן עֶרֶב שַׁבָּת..."), פְּלוּצְלִינְג הָאט מֶען בַּאמֶערְקְט וִוי אֵיינֶער פוּן דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער הָאבְּן זִיךְ אַרַיינְגֶעהַאקְט דֶעם קָאפּ אִין אַ שַׁארְפֶע אַייזְן אוּן עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַ שְׁנִיט אִינֶעם קָאפּ, אוּן מֶען הָאט גֶעדַארְפְט לוֹיפְן פַארְנֵייעֶן דֶעם שְׁנִיט, הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה'ס זוּן אוֹיפְגֶעכַאפְּט אַז זַיינֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען נִישְׁט גֶעוָוארְן פַארְלוֹירְן, זֵיי זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן מִיט אַ יִשּׁוּב הַדַּעַת, דִי מַאמֶע הָאט צוּם עֶרְשְׁט גֶענוּמֶען אִיר שַׁבָּת'דִיגֶע שִׁירְצְל אוּן אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט דָאס בְּלוּטְן, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אַלֶעס אָן בֶּהָלָה, אוּן מֶען אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ אַ פַּארַאמֶעדִיק צוּ פַארְנֵייעֶן דֶעם שְׁנִיט.

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוֹיסְגֶעפִירְט: "זֶעט מֶען פוּן דֶעם מַעֲשֶׂה אַז קִינְדֶער כַאפְּן אוֹיף יֶעדֶע רִיר, אַ קִינְד כַאפְּט אוֹיף צִי זַיינֶע עֶלְטֶערְן פַארְלִירְן זִיךְ בַּיי אַ שְׁוֶועריְקֵייט, אַ קִינְד כַאפְּט אוֹיף צִי זַיין טַאטֶע זָאגְט פַאר דִי מַאמֶע: "נָאךְ אֵיין וָוארְט דוּ רֶעדְסְט, דְרִיק אִיךְ אַרָאפּ דֶעם גֶעז פֶּעדְל, אִיךְ הֵייבּ אָן פְלִיעֶן, אוּן אִיךְ שְׁמַייס אַרַיין אִין אַ וַואנְט, אוּן אִיךְ הַרְגְ'עֶ בֵּיידֶע צוּזַאמֶען!".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ מְחַנֵךְ זַיין אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, אוּן אַזוֹי וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין מְקַבֵּל זַיין מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ, אָמֵן.

(סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה י"ב מִבַּעַל תְּפִלָּה - חֵלֶק ג' פָּארְגֶעלֶערְנְט שַׁבָּת קֹדֶשׁ פַּרְשַׁת קֹרַח תש"פ לפ"ק)